# פארוואס מאכן נישט - זיי, די שלום זיכער'ס - קיין "דלתות"?

זייער "קריאה לשלום" וואס די בני המשפחה הידועה האבן געדרוקט און צושפרייט פון טיר צו טיר דעם לעצטן שבת פאר שבועות (פ' במדבר) איז נישט מער ווי א "קריאת תגר". ווייל חילוקי דיעות אין הלכה און אין מסורה פלעגן אלע מאל צו זיין אין כלל ישראל. אבער קיינמאל נישט געהערט געווארן במשך הדורות אז איין זייט זאל פראבירן ארויפצוצוואונגען זיין דעת אויף די אנדערע זייט, וואס האבן אן אנדערע מסורה.

לאמיר זעהן אפילו היינט, און טאקע אין הלכות שבת החמורה, זענען דען נישט פאראהאנען חילוקי דיעות, וואס לויט געוויסע פוסקים זענען פאשידענע פעולות בגדר "מלאכת שבת", אבער זענען נישט נתקבל געווארן לאיסור ביי'ם גאנצן כלל ישראל. זענען דען נישטא קיין חילוקי דיעות אין מסורת ההוראה אפילו לגבי די זמנים פון כניסת ויציאת השבת, בפרהסיא. און אזוי אויך לגבי הלכות פסח, וואס טייל חרדים זענען עסן מאשין מצות, און ביי אנדערע זענען זיי בגדר חמץ גמור. טייל עסין פסח געבראקטס, וואס לויט די אנדערע מסורה איז דא דערויף חשש חמץ. אזוי אויך זענען פאראהאנען פאשידענע מסורות אפילו בהוראות עניני טהרה וכיו"ב. מ'האט אבער קיינמאל נישט געהערט ביי'ם כלל ישראל אז חרד'ישע טעראריסטן זאלן פראבירן ארויפצוצוואונגען זייער מנהג ומסורה בהלכה אויף אנדערע וואס פירן זיך אנדערש לויט די דעת תורה פון זייערע מורי הוראה בישראל.

די סארט טריפה'נעם צוגאנג וואס מיר זעהן אין די לעצטיגע תקופה, איז "צריך בדיקה" פון וואו שטאמט דאס? מקורו טהור, אדער ח"ו פארקערט חלילה. די סארט טעראריזעם וואס מיר זעהן היינט, קען זיך נאר נעמען פון א איינגעווארצעלטע טיפע "שנאה". די פינסטערע שנאה קעגן אן עירוב אין אמעריקא, איז געפערדיקט געווארן אין "ישיבה יוניווערסיטי" וואס איז נתייסד געווארן אויף די חורבות פון דער וואלאז'ינער ישיבה (זעה "יובל היובלות" פון חיים דובער גולעווסקי) דורך דעם מייסד ר' יהודה דוד בערנשטיין בעמח"ס הלכתא רבתא לשבתא, און שפעטער דורך דעם מזרחי פיהרער הגאון ר' משה סאלאווייטשיק ז"ל, דער ראש הישיבה דרבינו יצחק אלחנן. דארט, און נאר פון דארט, שטאמט די יניקה פון אזא שטרענגע התנגדות צו יעדער זאך וואס שמעקט נאר מיט "עירוב".

אויב דאס איז דער מקור פון זייער "מסורה", קען מען שוין גאנץ גוט פארשטיין זייער "שמועס פון טיפען הארץ" אין זייער קריאה לשלום. זיי שרייבן דארט אין סעיף ד', אז א עירוב איז נאר אן ענין פון "באקוועמליכקייט"! און דערמיט מוסר'ן זיי אויס אונזער היימיש'ן ציבור, הלמאי צוליב אביסל באקוועמליכקייט קענען מיר זיך נישט איינהאלטן פון א ספק איסור שבת... ווייל ביי זיי, לויט זייער Y.U. מסורה, איז אן עירוב טאקע נישט מער ווי אן ענין פון באקוועמליכקייט, ותו לא מידי.

חז"ל זאגן אין סוף מסכתא סוטה, אז "בעיקבתא משיחא חוצפה יסגי". וואו איז נאך געהערט געווארן א גרעסרע חוצפה פון די היינטיגע יונגאטשעס, קעגן דעם מאור הגולה דער הייליגער חת"ם סופר זי"ע, וואס שרייבט קלארע דיבורים אין זיין תשובה (או"ח סי' צ"ט) וז"ל: "להשמר מאיסור הוצאה, אשר ממש אי אפשר להזהר ממנו" אהן אן עירוב. נאך שרייבט דארט דער הייליגער חת"ם: "והדבר מוטל על הרב, התלמיד חכם שבעיר, לתקן המבואות, ואם לאו, מכשול וקולר העם על צווארו". קומען זיך די היינטיגע מחוצפים און רופן אן עירוב א זאך פון "באקוועמליכקייט".

"אל תען כסיל כאוולתו" זאגט אונז שלמה המלך, וואס האט מתקן געווען די מצוה פון עירובין. אבער אלץ חיזוק פארזיך אליין, בבחינת "ודע מה שתשיב", דארף זיך יעדער פארזיך אליין פרעגן, אויב אן עירוב איז טאקע נישט מער ווי אן ענין פון "באקוועמליכקייט" ווי זיי זאגן, טו פארוואס האבן די מאורי הגולה צדיקי עליון דווקא מקפיד געווען צו טראגן אין אן עירוב. אנפאנגענדיג פון דעם אר"י הקדוש אין צפת וואס האט געטארגן ביז צו זיין מעיין-מקוה מחוץ לעיר. אדער ווי דער בני יששכר זי"ע אין דינוב און אין מונקאטש. ווי אויך דער חידושי הרי"ם זי"ע אין ווארשא. און אין לעצטען דור הרה"ק מוהר"א זצוק"ל אין בעלזא (עפ"י עדות ראיה פון זקן הרבנים הגה"צ מנאראל שליט"א), און אזוי אויך פיעל אדערע גדולי החסידות וואס האבן כידוע מקפיד געווען צו טראגן אין א שטאט וואס די

גויים האבן נישט געשטערט צו בויען דעם עירוב. אלא מאי, על כרחך מוז מען זאגן, אז ביי די מסורה פון גדולי הצדיקים האט אן עירוב נישט געמיינט נאר "באקוועמליכקייט" אלץ עונג שבת, נאר פיל העכער'ס דערפון, ווי עס איז דערמאנט אין שער הכוונות פון רבי חיים וויטאל ז"ע, און אין פיל חסידישע ספרים.

"סוף דבר" שרייבן זיי אין זייער "שמועס פון טיפען הארץ", אז זייער עיקר טענה פון התנגדות איז "צו די וואס טראגן בפרהסיא אויף די גאסן". אין אנדערע ווערטער, דאס וואס טויזנטער אידן טראגן אין די טאשן, בצנעה, דערויף זענען זיי שוין מוחל. דער "בפרהסיא" פון מסורת החסידים צו טראגן אין א כשר'ן עירוב, דאס ארט זיי. לאמיר רעדן מיט זיי קלארע דיבורים, ווי קענט איר זיין אזוינע היפאקריטס? פון איין זייט זעהן מיר ווי איר האט געטוישט אין די לעצטע יאהרן, אייער אמעריקאנעם לבוש, זיך אנגעטוען קאפטן'ס מיט ספאדיקעס — בפירוש נגד דעם רצון פון אייער זיידען. שבת אינדערפרי לויפט אין מקוה אריין — וואס לויטן זיידען זענט איר ממש מחלל שבת בפרהסיא ר"ל. אבער לגבי די מסורה פון תיקון עירובין, דא ווילט איר שוין זיין א פוסח על שני הסעיפים, אנכאפן דעם שטעקן פון ביידע עקן. איר ווילט פשוט נהנה צו זיין פון ביידע וועלטען, אסטראוו-קאלאשין פון איין זייט, מיט Y.U. פון די אנדערע זייט.

די "באזארגטע מאמע" מרת חנה ושבעת בניה, מיט קיין טעראריסטישע אקטן וועט אייך נישט געלונגען ארויף צוצוואונגען די טריפה'נע Y.U. השקפות אויף דעם חסידיש'ן בארא פארק. פארגעסט דערפון. ביי אונז איז אן עירוב א הייליגע זאך! נישט ווי איר זענט נתחנך געווארן צו קוקן אויף אן עירוב ווי א "היתר עיסקא".

מיר האבן גאר אנדערע ערכים (וואליום). אין ליטא למשל, האט מען כידוע שטערנג מקפיד געווען אויף איסור חדש בזה"ז. ביי אונזערע אבות האט במשך הדורות בפירוש נישט מקפיד געווען אויף "קמח ישן", מ'האט אבער מקפיד געווען צו גיין ב"דרך הישן". דער דרך הישן פון אונזערע גדולי ישראל איז אלע מאל געווען מתקן צו זיין אן עירוב בכל מקומות מושבותיהם. גדולי ישראל האבן געזוכט אלע מיני "קולות" כדי ס'זאל זיין אן עירוב אין די שטאט. און מיט די אלע קולות האט דער גרויסער חידושי הרי"ם "מחמיר" געווען צו טראגן אין ווארשא. דאס איז "אונזער מסורה"!

איר ווילט נישט טראגן, טראגט נישט. קיינער צוואונגט אייך נישט צו נוצן אונזער מהודר'דיגן עירוב, וואס איז ב"ה געמאכט געווארן אהן קיין שום קולות. אדרבא, מערערע רבנים פון ארץ ישראל און אייראפא טענה'ען אז אזא מהודר'דיגער עירוב וואס בארא פארק פארמאגט היינט ב"ה, איז נישטא אין דער גאנצער אידישער וועלט. און אפילו עס שמעקט אייך נישט, זענט איר בשום אופן נישט קיין בעה"ב אויף קיין שום בלאק אין בארא פארק. ביטע, נעמט דאס אייך גוט אין אייער קאפ אריין, ווייל ס'וועט אייך גארנישט העלפן.

## עירוב און מחלוקת

און יעצט לאמיר זיך אפשטעלן אויף נאך עטליכע נקודות אין זייער "תחנונים פאשקעוויל" וואס די שפיגעל'דיגע טעראריסטן שרייבן אין זייער אויבנדערמאנטער "שמועס פון טיפען הארץ"ן. אין סעיף א' באקלאגן זיי זיך, נעבעך, אז זייט דער עירוב איז אויפגעשטעלט געווארן זעהן מיר ווי "אידן זענען אויפגעברויזט געווארן, און אזוי ווערט דאס פארמערט טאג טעגליך, און ווער ווייסט חלילה וואס דאס קען אלץ מער צוברענגען. עס איז באקאנט דער משל ווי א בינטל שוואכע שטעקעלאך" וכו'. דער פראבלעם איז אז די "קאזאק הנגזל"ס האבן פשוט פארטוישט דעם מצב און גענוצט דעם נישט ריכטיגן "משל". דער אמת'דיגער פאסיגער משל לעניננו איז, מיט'ן פריץ וואס האט אינטערצינדן א פייער, און ווען די גאנצע שטאט איז צאמגעלאפן מיט אמפער'ס וואסער אין די הענט צו לעשן דאס פייער, האט זיך דער פריץ אויך צוגעריקט מיט וואסער... ווער האט דען אנגעצינדן דאס פייער אין שטאט? אויב נישט די משפחת שפיגעל הידועה וואס האלטן זיך אלץ דער "בעל הבית" פון שטאט, ווי זיי אליין כאפן זיך ארום (זעהט זייער צווייטער "משל" געדרוקט אין סעיף ב') וזה לשונם: "ווי למשל א פערשוין גייט אריין ביי זיין חבר'ס הויז און טוט זיך דארט אפ ביי יענעם וואס ער וויל, אן דעם וואס ער זאל נעמען רשות אדער אפי' נאר פרעגן ביי'ם בעה"ב, דערנאך ווען דער בעל-בית האלט אים אפיר און קריגט זיך מיט אים און מאכט מחלוקת?!"... והבן.

## עירובין אין דער אלטער היים

בעקאנט מיט זייערע באבע-מעשיות'לעך, פארציילן זיי ווייטער (אין סעיף ו') "אמעשה'לע וואס א אינגערמאן האט דערציילט", ווי ער האט זיך מתווכח געווען מיט הגה"צ הישיש פשעמישל'ער רב שליט"א, אז אינדערהיים איז דער עירוב אין פשעמישל געמאכט

בעירוב כשר צוליב ספיקות ב"הלכה", ווי למשל די וואס האבן דורכגעלערענט בעיון הלכות עירובין, און עס קומט זיי קומט אוים אז דער משכנות יעקב איז, לדעתם, מער גערעכט ווי דער בית אפרים. עס איז איבערהויפט נישט קיין חילוק צו זיי זענען גערעכט אדער נישט בהבנת הענינים, יעשו מה שלבם חפץ. אבער די אנדערע סארט מחמירים, וואס זייערע פראבלעמען האבן גארנישט צו טוען מצד עצם הלכות עירובין, נאר צוליב אנדערע זייטיגע פראבלעמען, ווי "צניעות", אדער ווי שאול ביק (אין ניו יארק טיימס) אז "אן עירוב טוט פארשוועכן דעם קדושת השבת" עפ"ל, אויף זיי איז געזאגט דער כלל פון "צריך בדיקה אחריו", פונקט אזוי ווי דער "בעל המאור" שרייבט וזה לשונו: "תקנת רבותינו ז"ל היא לענג את השבת בחמין, וכל מי שאינו אוכל חמין צריך בדיקה אחריו, אם הוא מין וכו'" (הובא בכלבו סי' ל"א). און אזוי פסק'ענט אויך די הייליגע רמ"א (או"ח סי' רנ"ז ס"ח) וז"ל "ומצוה להטמין לשבת כדי שיאכל חמין בשבת, כי זהו מכבוד ועונג שבת. וכל מי שאינו מאמין בדברי החכמים ואוסר אכילת חמין בשבת חיישינן שמא אפיקורס הוא".

## דער ענין פון מטלטל זיין בפרהסיא

פארשטייט זיך, אז אין אזא צייט וואו עס ווערט נתפשט אזוי פיל "מינות ואפיקורסות" דורך די משפחה הידועה, סיי אין די צייטונגען, און סיי אין זייערע כתבי פלסתר, איז היינט געווארן פיל פאכיק מער אן ענין גדול דייקא "מחמיר" צו זיין לטלטל בעירוב בפרהסיא. על דרך ווי מיר געפונען אין חז"ל כמה וכמה ענינים וואס מיר טוען נאר כדי "לאפוקי מן הצדוקים".

## רדיפת ואהבת השלום

אם כנים אתם מיט וואס איר שרייבט אין אייער "סוף דבר" אז איר מיינט מיט אייערע "דברים היוצאים מן הלב" נאר "שלום", פרעגט זיך א גרויסע קשיא אויף אייך, אויב אזוי, פארוואס מאכט איר טאקע נישט קיין "דלתות"? דלתות זענען דאך מתיר דעם טלטול אפילו אין א רשות הרבים גמור. מיט דלתות וועלן דאך אלע שיכטן אידן קענען טראגן, אפילו יוצאי ליטא אויך. אויב איר טוט טאקע אזוי באוויינען מיט אייערע קארקאדיל-טערערן די שפאלטונג און די אויפגעברויזטקייט וואס איז געווארן אין די שטאט, און איר ווילט טאקע צוריק שטעלן דאס שטילקייט און רוהיגקייט צווישן אלע קהילות אזוי ווי ס'האט געהערשט פאר'ן גרינדן דעם עירוב, איז פארוואס לויפט איר ארום יעדן שבת ווי פארסאמטע מייז, און שעלט נשים וטף מיט ביטערע קללות, פארוואס טוט איר נישט צו די זאך מתקן זיין איינמאל פאר אלע מאל אייערע "דלתות"? דאס וואלט דאך אייך אסאך ביליגער געווען ווי אויסגעבן די געוואלדיגע הוצאות אויף אייער קאמפיין אין די צייטונגען. איר זענט דאך היינט שוין אליין איבערגעצייגט אז ס'האט אייך סיווי גארנישט געהאלפן חוץ פון מפרסם זיין א פאר צייטונגען.

מילא מיר, מאכן נישט קיין דלתות, ווייל אונזערע מורי הוראה'ס - וואס זענען ב"ה דער רוב מורי הוראה פון די שטאט – האלטן קלאר אז בארא פארק איז נישט קיין רשה"ר נאר א כרמלית, ווייל די גאסן זענען נישט "מפולש משער לשער", ווי אויך צוליב ווייל ס'איז נישטא קיין גאס וואס גיין דערין ס' רבוא מענשן. וכל שכן היינט וואס ס'זענען שוין פארהאנען ג' מחיצות (עומד מרובה על הפרוץ) ביים וואסער ארום ברוקלין, וואס מדאורייתא שאפן זיי א רשות היחיד. דערצו, איז דאך בארא פארק אליין אויך מוקף מיט "מחיצות הבתים" (עומד מרובה על הפרוץ) וואס צוליב דעם פסק'ענט קלאר הגאון האדיר פוסק הדור מהר"י שטייף זצ"ל אין זיין תשובה, אז אונזער שטאט איז נישט מער ווי א"כרמלית". דערפאר דארפן מיר בכלל נישט קיין דלתות, נאר א צורת הפתח. ווידער לגבי די שאלה פון "פירצה יותר מי' אמות" (צווישן די הייזער), פסק'ענט דאך הגאון מוהר"ם פיינשטיין זצ"ל אליין, אז א פירצה יותר מי' איז נישט קיין דאורייתא נאר א דרבנן (עי' אג"מ או"ח ח"ב סי' פ"ט, וסי' צ', ואו"ח ח"ה סי' כ"ח או"ג, אף שהרחובות ט"ז אמה, ורק חולק שם על החזו"א שאין דינו כסתום, עיי"ש.) — אט דעם פסק פון רבי משה זצ"ל האבן אלע אונזערע "חכמי כרם ביבנה" ו"שערי ירושלים" אינגאנצן פארהוילן פונעם ציבור אין זייערע פטפוטי דברים -- ממילא איז פשוט אז לדידן האבן מיר קיין שום הלכה שאלה מיט אונזער מהודר'דיגן צורת הפתח כדי מתיר צו זיין דעם טלטול לרבים, אהן קיין שום נדנוד חשש ופקפוק כלל.

צוריק צו די "מחמירים" וואס האבן נישט די אויבנדערמאנטע אפיקורס'ישע פראבלעמען קעגן כלליות מצות עירובין, נאר זייערע חששות זענען נאר מצד ספק "רשות הרבים דאורייתא", פרעגט זיך די גרויסע קשיא, אויב זענען זיי טאקע פאראינטערעסירט באמת אין "רדיפת ואהבת השלום", נו, פארוואס מאכן זיי נישט, איינמאל פאר אלע מאל, זייערע דלתות? דערמיט וועלן זיי מאכן סוף צו זייער אייגענער אויפברויז און מחלוקת, און צוריק ברענגען די שלום ושלוה אין אונזער חרדישע שכונה בארא פארק.

געווארן פון "דלתות" (ממש), נישט נאר א צורת הפתח... די פיל פאכיגע עמי הארצים, די שפיגעל'עך, בעקאנט מיט אלע זייערע היסטארישע פעלשערייען, ווייסן נישט, אדער מאכן זיך נישט וויסענדיג, אז אין מערערע שטעט און שטעטליך אין דער אלטער היים אין איירופא, האבן די קאטוילשע ערלים נישט צוגלאזט בויען צורת הפתחים ארום די שטאט. און נישט נאר די גויים נאר אפילו אידישע "משומדים" פלעגן אפט צוברעכן און צורייסן די צורת הפתח'ס, ווי דער קאלישער רב זצ"ל הגאון בעל שו"ת נפש חיה איז מעיד באריכות וועגן די עירוב רייסערייען וואס האבן ליידער פאסירט אין גאנץ פוילין. דערמיט איז פארשטאנדיג פארוואס האט דער פשעמישל'ער רב'ס פאטער געמוזט האלטן די "דלתות" א גאנצע וואך אין זיין מאגאזין...

(אזוי האט ליידער אויך פאסירט מיטן עירוב אין די ערשטע יאהרן אין "בני ברק", וואס תיכף נאך שבת איז מען באלד געוואויר געווארן אז די ארומיגע ציוניסטישע סטאלינ'יסטישע שכנים האבן עס צוריסן מידי שבוע בשבוע, <u>דערפאר</u> האט דער הייליגער חזון איש זצוק"ל באפוילן זיינע תלמידים זאלן נישט מטלטל זיין, ווייל דער עירוב האט דאן נישט געהאט קיין "חזקת כשרות", נישט אזוי ווי מיר האבן ב"ה היינט אין בארא פארק.)

ממילא איז דאך דאס גופא די גרעסטע טיפשות און עם-הארצות צו זאגן אז דאס שטעטל פשעמישל האט געהאט דלתות צוליב א שאלה פון "רשות הרבים" דאורייתא. פשעמישל האט נישט געהאט קיין צורת הפתחים <u>נאר צוליב די ערלים אדער די משומדים</u> וואס פלעגן טוען די זעלבע ארבעט ווי אונזערע היינטיגע שפיגעל'עך מיט זייערע בעקאנטע "כולל יונגעלייט".

## צניעות

אין זייער "שמועס פון טיפען הארץ" זענען זייערע בעלי השקפה ממשיך צו פרעדיגן אריינברענגען "רעפארם" אין אונזער מחנה החרדי. טענה'ענדיג, אז דאס וואס אין דער אלטער היים אין איירופא איז אן עירוב געווען "מותר", דאס איז צוליב וואס דער ענין פון צניעות איז דאן געווען אויף א הויכע מדרגה, אבער אין די היינטיגע צייטן טאר מען נישט מתקן זיין קיין עירובין, צוליב די גרויסע פראבלעמען פון צניעות פון היינטיגן דור. דערצו ציטירן זיי מימרות פון הגאוה"ק מסאטמאר ומבאבוב זצ"ל, וועגן דער מצב הצניעות בדורינו קעגן דער מצב אין איירופא. אלעס איז פיין און וואויל, אבער די מימרות זענען נישט געזאגט געווארן מיט סיי וואס פאר א שייכות לגבי תיקון עירובין. אדרבא, בשעת מ'האט געמאכט דעם עירוב אויף 48 סטריט לויט דעם פארלאנג פונעם באבוב'ער רב זצ"ל, פארציילן "די באבוב'ער בחורים" וואס היינט זענען זיי שוין ב"ה יונגעלייט, אז ווען זיי זענען אנגעקומען ביי'ם קובע זיין דעם לחי לעבן דעם רב ז"ל הויז, איז דער רב ז"ל ארויס אויף זיין פארטש און זיך אנגערופן, "נו, מהאט שוין מתיר געווען די עגונה...???" (צוליב דעם וואס ס'האט זיך זעהר לאנג געשלעפט ביז מ'האט ענדליך דארט געמאכט דעם עירוב.) דער באבוב'ער רב ז"ל האט דאן מוסיף געווען: "אז מ'מאכט שוין אן עירוב, פארוואס נאר אויף אונזער בלאק, פארוואס זאל מען נישט מאכן אין די אנדערע גאסן אויך, און מזכה זיין נאך בארא פארק'ער אידן?", עכלה"ק.

## מינות ואפיקורסות

נאך אין אנפאנג פון די מערכה, מער ווי א יאהר צוריק, האבן די עסקנים פון וועד העירוב אנגעטראגן פאר די רבני המשפחה הידועה, אז זיי זענען מוכן ומזומן מתקן זיין "דלתות" בנוסף צו די צורת הפתחים. זייערע רבנים האבן די זדשעסטע קאטעגאריש צוריקגעווארפן, אז זיי וועלן בשום אופן נישט מסכים זיין צו אן עירוב צוליב "צניעות"! דאס איז קלאר "מינות ואפיקורסות. ווייל אזא מין טענה מיינט, אז מיר זענען היינט קלוגער פון חכמינו ז"ל, מיר פארשטיין היינט בעסער פון חז"ל, און חז"ל האבן נישט פאראויס געזען די קומענדיגע שפלות הדורות... אונזערע חששות-פאראוים-זעהר'ס האבן פשוט פארזעהן אן אפענעם חז"ל א ס'איז געווען תקופות אין כלל ישראל וואס דער ענין הצניעות איז געווען פיל פאכיג ערגער פון אונזער היינטיגער חרד'ישער בארא פארק. חז"ל דרש'ענען (שבת ס"ב: יומא ט:) אויפן פסוק (ישעיה ג-טז) "כי גבהו בנות ציון וגו' הלוך וטפוף תלכנה וברגליהם תעכסנה" וגו', וויא די גמרא'ס פארציילן דארטן וואספארא סארט שרעקליכער פריצות עס פלעג צו זיין ר"ל. פון דעסטוועגן געפונען מיר נישט אז די סנהדרין זאלן האבן מבטל געווען מצות עירובין מישראל צוליב די גרויסע פראבלעמען פון צניעות וואס זענען דאן פארגעקומען. אדרבא, מיר געפונען אין אלע ספרי המקובלים פונקט פארקערט, אז אן עירוב, וואס שאפט פון א כרמלית א רשות היחיד (יחודו של עולם), טוט גאר מבטל זיי די טומאה מיט די כוחות הקליפות פון רשות הרבים.

## "צריך בדיקה אחריו"

עס איז אגרויסער אונטערשייד צווישן די וואס ווילן מחמיר זיין (אויף <u>זיך</u>, פארשטייט זיך) נישט מטלטל זיין